אין אזעלכע נעכט ווארפען זיך אראב פיעל שטערען אויף דער ערד, און פיעל נשמות הויבען זיך אויף.

אין אזעלכע נעכט ווערען לעבעדיג אין ימים די דערטרונקענע, און שפיעלען זיך מיט די שענע פערל אויף דעם אבגרונד.

אין אזעלכע נעכט שטעהען אלע טויטע פון די קברים אויף, און טאנצען אויף די גרין־בעגראזטע בערגלעך, און לאכען אויס דעם מלאך המות...

אין אזעלכע נעכט זעה איך ס'ווייסע לעבען אונבעפלעקט....

---

י. ענטין:

# א אידישער ראמאנטיזם

## א.

אונזער אידישע ליטעראטור, ספעציעל די אמעריקאנישע, איז געגליכען צו א פערדארטען וועלדעל ערגעץ אין א מדבר־לאנד, ניט געוואשען פון גאט'ס רעגען, ניט געבאדען אינ'ם פרישען מארגען־טהוי, ניט אנגעטרונקען פון קריסטאל־קלארע טייכעלעך. אונזער ליטעראטור איז טרוקען, אהן די רוחניות'דיגע פייכטקייט פון פאעזי, פאנטאסטיק און א העכערען, איבער־ערדישען סטיל. זי איז א ליטעראטור פון קאלטע, קליינליכע, אפגעריסענע פאקטען פון דער גרויסער אלטעגליכקייט. עס פעהלט אין איהר דער סודות'דיג־צופליסטערנדער שארך פון שטילע טריט צווישען אנגעווארפענע וואלד־בלעטער, דער צויבערליכער וויספערען פון דעם בין־השמשות'דיג שוועבענדיגען צונויפגיסען זיך פון הימעל און ערד, דער פליגעל־גערויש פונ'ם טויט, פאכענדיג איבער'ן לעבען, דער דונקעלער מורמעל פון דער לעגענדע פון דעם ווייטען א מאל און דעם ווייטען לעתיד לבוא, פון פאראיבערגענגליכקייט אין אייביגקייט.

אין אונזער ליטעראטור פעהלט דער פאלקסטהימליכער טאן. עס פליסט אין איהר ניט דער שטראם פון אבערגלויבען און פאלק־לעהרע. עס פעהלט אין איהר די היימליכקייט פון דעם ווינטער־אבענד ביים הרובע, דער איינפאכער געזאנג פון דער שפינערין און פעדערען־פליקערין. עס פעהלען אין איהר די שעפּצענדע קלאנגען פון דער אלטינקער באבען, דערצעהלענדיג איהרע מעשות וועגען שדים, מתים און כת־לצנים, די קוים הערבארע, אונפערשטענדליכע, מיט'ן נאפט־לעמפעל שיין זיך אויסמישענדע ווערטער פון דער עין־הרע אפשפרעכערין.



אונזער ליטעראטור האט ניט קיין נעכטען. זי האט ניט קיין ווארצלען אין דער פערגאנגענהייט פונ'ם איינפאכען פאלק'ס אלטען פיהלען און קלעהרען. זי איז א יתום־ליטעראטור, פלוצלונג געבארען, פלוצלונג אפגעריסען פון ערגעץ. זי איז ווי אנאיבערגעפלאנצטער בוים, אויסגעריסען מיט ווייניג ווארצלען און אהן דעם גראזיגען ערד־הויפען צווישען די ווארצלען.

דעריבער רעדט אונזער ליטעראטור ניט צום הארצען פון די איינפאכע שיכטען פון פאלק. דעריבער איז זי ניט די ליטעראטור פון אונזערע ווייבער. דעריבער איז זי ניט די ליטעראטור פון דעם קאוואל, דעם לאפאטניק, דעם טרעגער און דעם „אלטען־מארק" הענדלער.

inaccessible to the folk

אונזער ליטעראטור האט ניט די פייכטקייט פון א ליטעראטור וואס איז פילטרירט געווארען דורך דעם פאלקס גלויבען. אונזער ליטעראטור האט ניט דעם זאפט פון אידישער געשיכטע. אונזער ליטעראטור פעהלט דער צויבער פין רעליגיעזער פאעזי, די ערהאבענהייט פון הימלישעם בעהעפטען זיך, די צו־צויגענע בענקשאפט פון דבקות, די אללעגאריען־פארב פון גאט'ס ליכטיגען פנים און זיין דיעמענטשטעקען, און די היימליכע גוט־ברודערשאפט פון דעם אלטינקען בעשיצער אליהו הנביא. אין אונזער ליטעראטור הערט זיך ניט דער שלוכצען פון די אלטע פראגער און קארדאווער בתי־מדרשים, עס זידט אין איהר ניט דער בלוטיגער שוים פון די אידישע מארטירער, עס שטייגען אין איהר ניט אויף די הימעל־גרויסע געשטאלטען פון די העלדען פון דער שמערצען און מסירת־נפש־רייכער אידישער געשיכטע.

דעריבער איז אונזער ליטעראטור ניט די ליטעראטור פון דעם אלטען, פרומען אידען, ניט די ליטעראטור פון דעם מלמד, ניט די ליטעראטור פון דעם וויינער אויף ציון'ס אלמנה'שאפט און דער ניט־אויפגעריכטקייט פונ'ם הייליגען בארג.

---

## ב.

אויך די שעפפער פון די מאדערנע קריסטליכע ליטעראטורען זיינען ניט קיין גלויביגע. אבער זיי זענען צוגעבונדען צום אלטען שטאם. דורך זייער בעוואוסטזיין ווערט דער זאפט פון די אלטע טראדיציאנען און פון פאלקסטהימליכען אהנען. זיי האָרכען די שטימע פון זייער פאלקס־פערגאנגענהייט. ביי זייער גאנצער ראציאנאליטעט און רעאליזמוס, זויגט זייער נשמה נאך אלץ פון דער זעלבער ערד וואס איז פערהייליגט געווארען אין אלטע פאלקס־זאגען, אין לאנג־נעזונגענע אלט־ווייבער ליעדער און וואונדער־געשיכטען.

Ibsen

קירכען־גלאקען און בארג־הימנען ברומען אין איבסענ'ס „בראנד", בערג־גייסטער און טראללען שפרינגען און שטיפען אין „פעער גינט"

און אין׳ם „בוי־מייסטער“; די אַלטע לעגענדע פון דער צויבער רייזע אין׳ם הימעל־רייך פערזיסט די אַגאָניע פון אַנזע׳ס („פּעער גינט“) יציאת־נשמה; איבער דער צום אונטערגאנג פער׳משפּטער הויז פון ראָסמער („ראָסמערס האלם“) שוועבט דער ווייסער פערד פון טויט.

מיט די אור־אַלטע געצענדינערישע פריידענס־פלאַמען פון דער יאָהאַננעס־נאַכט האָט דער מאָדערנער זודערמאַן בעלויכטען די נשמות פון די העלדען פון זיין „יאָהאַננעספייער“, אין יענע אַלט־גערמאַנישע גלוטהען האָט ער אָנגעצונדען דאָס בלוט פון זיינע היינט־מענשען. פון לאַנג פערקלונגענע אַלט־דייטשע זאַגען וועגען גוטע און שלעכטע וואַלד־גייסטער און מכשפות האָט הויפּטמאַן אויסגעפלאָכטען דעם זילבער־העללען אין רויזיג־רויטען מעלאָדיען־קראַנץ פון דער „פערזונקענער גלאָקע“; אין די רעבעלליאַנ׳ס־שטורמענדע „וועבער“ קלינגט אימה׳דיג דער שטורם־גלאָק פון דעם אַלטען שלעזישען דאָרף; אַלט גערמאַנישע פיגורען ערהייבען זיך פאַר אונז אין זייער פולער גרויס; דער אַלטער פאָלקס־טאָן קלינגט אין דער ליעד פון דער „פאָלטער־קאַממער“ און דעם אַלטען אַנזארגע׳ס הויזליכעס געבעט ביי די וועב־שטוהלען טראָגט דעם רעוואָלוציאָנער־געזאָנגענעם צושויער אַריבער אינ׳ם שטילען, עהרפורכטיג־האַלב־דונקעלען קלויסטעריל.

זאָגאַר אין זיינע ראַציאָנאַלע, ניט ניי־ראָמאַנטישע ווערקע לעבען ביי פּשיבישעווסקי׳ן ווידער אויף די אַלטע אונזיכטבאַרע אונבעזיעג־באַרע בעאוגי־גייסטער פון דער פוילישער מיטהאָלאָגי און דער טהע־אָלאָגישער פאַטאַליזמוס הענגט ווי אַ שווערער וואָלקען איבער זיינע מאָדערנע, פון צווייפעל צוגעסענע מענשען.

אַ דאַנק די אַלט־בעקאַנטע טענער זענען די מאָדערנע קריסט־ליכע ליטעראַטורען ניט פאַר קליינע הייפעלעך, נור פאַר גאַנצע פעל־קער. זאָגאַר אין די שווער־טראַכטענדע באַהן־ברעכענדע ווערקע דער־קענען די פעלקער אָפט זיך זעלבסט און געפינען זיך ווידער. זיי קע־נען זיך אין זיי לייכט אָריענטירען מיט דער הילף פון די ריחות פון די אַלטע פעך־וועלדער; זיי טרעפען דעם וועג צום דיכטער׳ס געדאַנק אָן די אַלטע קענטיגע סימנים.

און דער בריק איבער דער אָפּגרונט צווישען דאָס אַלטע און דאָס נייע אין די קריסטליכע ליטעראַטורען איז אויסגעבויט פון די שפּורען פון דעם ראָמאַנטיזמוס. דער שטראָם פון דער ראָמאַנטיק, וואָס האָט מיט אַ פּאָר דורות צוריק געפלאָסען איבער די אייראָפּייאישע ליטעראַ־טור־רינען, האָט אין זיי איבערגעלאָזט זיינע פינקעלנדע פּערל־טראָ־פּענס, און זיי וואַרפען דורך זייערע צויבער־קאַליאָרען אין די נייע לי־טעראַטור־שטראָמען. דערפון — דער בלישצענדער, איבער־ערדישער שיין אין די נייע אייראָפּעאישע שריפטען, דערפון — זייער גייסטיגע

H. Sudermann 1857–1928
Johannisfeuer 1900
1892
Hauptmann 1862–1946
Die versunkene Glocke (fairy-drama) 1896
S. Przybyszewski 1868–1927



פייכטקייט און וואַרימקייט, דערפון — זייער רייץ פיר דער פאָלקס־פאַנטאַזיע.

---

ג.

אונערמעסליך טיעף, אונערשעפליך פרוכטבאַר איז געווען די השפּעה פון׳ם ראָמאַנטיזמוס אויף דעם שעפּפערישען גייסט פון די קריסטליכע פעלקער. דער ראָמאַנטיזמוס האָט אויסגעריסען מיט׳ן וואָר־צעל די קאַלטע, פרעמדע, קינסטליך צוגעפלאַנצטע פאַלש־קלאַסישע לי־טעראַטורען און אַנשטאַט זי צוריק אויפגעעפענט די פערשלאָסענע צויבער־גערטנער פון די פערצייטיגע היימישע פאָלקס־ליטעראַטורען. ער האָט אויפגעעפענט די פערשלאָסענע קוואַלען פון די פאָלקס־לעגענדען און פאָלקס־זאַגען; ער האָט צוריק אויפגעכישופט די פערשטיקטע באַללאַדען און פאָלקס־ליעדער. ער האָט די פאַנטאַזיע פון׳ם דיכטער בעשפּריצט מיט די קוויקענדע וואַסערען פון דעם אור־קוואַל פון׳ם שאַפען פון די נייע פעלקער.

אַלעס וואָס דער מיטעלאַלטער האָט אויסגעוועבט און אויסגע־שפּונען אין די מוחות פון די קריסטליך־באַרבאַרישע פעלקער, האָט דער ראָמאַנטיזמוס אין רויטהען גאָלד און הימעל־בלאָהען תכלת פערוואַנ־דעלט. די גאָטהישע קירכען, מיט זייערע שפּיציגע געוועלבען, דין־גע־שניצטע אַללעגאָרישע קראַנצען, געהיימניספאָלען, מרה־שחורה׳דיג פערטראַכטען האַלב־דונקעל, שאָטענדיגען קערצען־ליכט, פאַנטאַסטיש צושפּונענע וויראַך־וואָלקענס און שווער־בענקענדע אָרגעל־ברומעריי — זיי אַלע האָט דער ראָמאַנטיזמוס אין זיין מיראַזשען־קאַראַוואַן איינ־געשפּאַנט. און דעם מאַרטירע׳ס וועה, און דעם נזיר׳ס שלוכצענדע תשובה, און דער נאָנעס ברוימענדע מיסטישע ליעבע און דאָס זשיפּען פון דעם געקרייציגטען׳ס בלוטענדער האַרץ האָבען זיך צוזאַמענגעגאָ־סען אין אַ אונטערערדיש־הימלישער קאַטאַקאַמבען־תפלה און זי האָט די אינ׳ם גאָלדענעם־נעבעל ציהענדע פּראָצעסיאָן בעגלייטעט.

און פון די ריטערליכע פּאַנצער־און־שפּיזען קעמפּפע און פון די ריטערליך־העלדישע סיבות און מלחמות מיט באַרבאַרישע סאַראַצע־נער פיר טוגענד און עהרע, און פון זייערע וואַנדערונגען איבער וויס־טע סטעפּען און פערשאָלטענע וועלדער האָט דער ראָמאַנטיזמוס שאַ־לענדע קאַמפּפס־ליעדער געשמיעדט, ליעדער פון עהרען־טויט און מסירת־נפש און פון׳ם געהיימניספאָל־צוואווינקענדען גרויען שטראַנד אויף יענער זייט פון׳ם לעבען. און פון די גייסטער־געשטאַלטען פון׳ם מיטעל־אַלטער, פון די געשטאַלטען פון הייליגע און פון שטן׳ס לעג־יאָנען, פון מכשפות און וואַלד־פרויען, פון וואונדער־פויגלען און פייער־טייוואָלים, פון בלאָנזענדע פלאַמען, פערוואָגעלטע נשמות און זומפּען־

While European lit. draws on medieval, Christian works, Jews view the Middle Ages with sorrow. and Christian symbolism — with hatred.



שטערען האָט דער ראָמאַנטיזמוס זיינע ציטערנד־שוועבענדע פּערלמוטערנע און אבענד־רויטהע פאַרבען־קראַנצען געפלאָכטען.

און אין דער הייליגער מאגדאלענא׳ס טרעהרען האָט ער די ליעבע געוואַשען און זי הייליג געמאַכט. די פרוי האָט ער פון איהר טהיערישקייט געלייטערט און זי אויפגעהויבען און אוועקגעזעצט ביי דער זייט פון דער גאָטטעס־מוטער. אין דער פרוי׳ס אויגען האָט ער דעם הימעל געשפּרייט, אין איהרע זיפצען די הימלישע בענקשאַפט צוגאָסען. הייליג איז געוואָרען די פרוי, געהיימניספאָל און צויבערהאַפט און די ליעבע צו איהר א נאַכטיגאַלען־געזאַנג וואָס ווערט פערצעהרט אין זיין אייגענער זיסקייט. די ליעבע איז געוואָרען געטליך־סודות׳דיג, אונבעפרידיגט און דעריבער א קוואַל פון אונערדישען פּיין און אייביגען בענקען און שמאַכטענדע יסורים, זיסער פון גענוס.

און מיט א גראַנדיעזען טראַגיזמוס, מיט א שיקזאַלהאַפטער גרויסקייט האָט דער ראָמאַנטיזמוס די ליטעראַטורען בעקליידעט. די אַלטעגליכע טענער האָבען א הויכען וועלט־קלאַנג בעקומען. דעם מענשענ׳ס טריט האָבען א ריעזען ווירדע אָנגענומען, דעם מענשען׳ס לעבען איז מיט דעם פאַרבען־רייכען נעבעל פון אייביגע רעטעניסען פערצויגען געוואָרען, זיין נשמה איז איינגעטונקט געוואָרען אינ׳ם מיסטישען גלאַנץ פון וועלטען פון א מאָל און פון שפּעטער. די מענשליכע פאַנטאַזיע איז בעפרייט געוואָרען און זי האָט זיך אויסגעשפּרייט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען און האָט געהויערט איבער דעם אָפּגרונט פון מענשליכען טרייבען, און פון זיין כאָאָס, אַזוי ווי א מאָל די שכינה פון׳ם תהו ובהו, וואַנדערליכע וויזיאָנען ארויסגעצויבערט.

ד.

צו די אידישע ליטעראַטורען האָט פון׳ם ראָמאַנטיזמוס בלויז א שוואַכער אָפּקלאַנג דערגרייכט. בלויז דער קליין־גייסטיגער וואַלטער־סקאָטטישער ראָמאַנטיזמוס האָט צו אונז פערבלאָנזעט, בלויז דאָס צופעליגע אין איהם, בלויז זיין אויסערליכער רעגען־קלייד. די סמאָלענסקינ׳ס און די שמר׳ס האָבען פון׳ם ראָמאַנטיזמוס בלויז די ווילדע טרעפונגען, די סיבות, די ווילדע איבעררעשונגען, די מאָראַל פון׳ם שאַבלאָנעם שכר ועונש גענאַשט.

דאָס איז אויך פערשטענדליך. דער ראָמאַנטיזמוס האָט זיין בעגייסטערונג פון׳ם מיטעל־אַלטער געשעפּט און דער מיטעל־אַלטער איז פאַר אידען בלויז א אייביגקייט פון גרויזאַמע רדיפות געווען. גאָט׳ס זוהן איז פאַר זיי א זינדיגער „יוזיל“ געווען און די הייליגע מאַריאַ א פערזינדיגטע יונג־פרוי. די גאָטהישע קירכע איז פאַר זיי א „תיפלה“ געווען, פאַר די אָרגעל־מעלאָדיען האָט מען זיך געדאַרפט די אויערען



פערשטאָפּען און די קרייץ־ציגע זענען געווען מיט אידיש בלוט בעשפּריצט.

ה.

אָבער צי איז דען ניט מעגליך געווען א אידישען ראָמאַנטיזמוס צו שאַפען? צי האָבען דען די אידישע רעליגיאָן אין די אידישע געשיכטע און די אידישע פאָלקס־חלומות ניט אויסגעלייגט א ריעזיגען פונדאַמענט פון גייסטיגע אוצרות, אויסצובויען אויף איהם צויבערשלעסער, הימעל־גרויס, פייער־פאַרביג און פאַנטאַסטיש ווי די פאַטאַמאָרגאַנאָס פון הימלישע ברעגעס?

נאָך קלינגען און שאַלען אין אונזערע אויערען די אַלט־סעמיטישע לעגענדען פון דער ביבעל, די פלאַמ־דיגע זאַגען פון דער וועלט־ענטשטעהונג, פון׳ם ערשטען פאַל און דעם אַלטען נחש, פון קין מיט דעם פלוך־צייכען אויף זיין שטערן, פון די צועפענטע הימעלס־פענסטער און פון׳ם ערד־קוגעל פערפלייצענדען מבול, פון די מיט שוועבעל און פעך און בליץ פערגאָסענע סדום ועמורה און פון אברהם׳ס לעטהאַרגישע זעהונגען. פריש און גרין זענען נאָך אין אונזער געדעכטניש די שטיל שעפּצענדע לעגענדען פון שופטים, פון גדעון און זיינע פרופונגען מיט טוי און וואָל. נאָך איצט הערען מיר דעם יאָמער פון דער לעבעדיג־בעגראָבענער יפתח׳ס טאָכטער און די קלאָג־ליעדער פון איהרע חברט׳עס אויף די בערג, פון דעם פירכטערליכען בירגערקריעג איבער דער פלגש בגבעה, פון שאול׳ס בייזען גייסט און פון דוד׳ס גייסטער־צאַהמענדע פיעדעל, פון שמואל׳ס שלעכטע נבואה פון קבר און פון דער טראַגישער מלחמה אויף די בערג פון גלבוע. נאָך שטעהט פאַר אונז אליהו, זיין פנים איינגעוויקעלט אין זיין מאַנטעל, הערענדיג מיט שרעק גאָט׳ס קול דממה דקה.

נאָך גליהען אין אונזער זכרון די פלאַמען פון די ברענענדע בתי מקדשים, נאָך באָדען זיך פאַר אונז אין זייער בלוט די עשרה הרוגי מלכות, אויסשרייענדיג מיט זייערע לעצטע כחות דעם שם היחוד, נאָך ציטערען פאַר אונז די ריינע לייבער פון די געפּייניגטע ציון׳ס טעכטער.

איז דען שוין פערלאָשען יענער שטילער שאָרך פון די פערזישע און באַבילאָנישע שדים און מתים און גיהנום און גן־עדן געשיכטען, דערצעהלט אין די בין־השמשות׳ן פון די פערצייטיגע ישיבות? און שמייכלען צו אונז שוין מעהר ניט חנ׳עוודיג־זיס די אַלטע אגדתות פון תלמוד און די מדרשים?

איז דען דאָ א מאַרטיראָלאָגיע, וואָס זאָל זיין אַזוי רייך ווי אונזער מאַרטיראָלאָגיע? זענען דען די אמאָליגע גאונים, מקובלים גולמות־בעשאַפער און אויטאָ־דע־פע שפּרינגער וועניגער בעגייסטערנד

Our jewels

1) biblical mythology heroism

2) ancient tragedy

3) ANE myth → midrash

4) martyrology

Walter Scott

סמאָלענסקין

שמ״ר

Critique of previous efforts



ווי די ערשטע קריסטען און הייליגע און קירכען־נזירים? און איז דען די גהעטטא מיט איהרע קרומע ווענט און איינשליסענדע טויערען און איינגעהאַלטענעם אטהעם וועניגער פאַנטאַסטיש ווי די אַלטע מאָ־נאַסטירען? און זענען דען די לעבענס־געשיכטען פון אברהם בן עזרא און רבי יהודה הלוי און בנימין פון טודעלא וועניגער פאַבעלהאַפט ווי די געשיכטען פון די רויטע קרייץ ריטטער?

ghetto = monastery

און די אַלטע און שפּעטערע ישיבות און די אָפענע און פערבאָר־גענע שוהלען און די ימים־טובים און ימים נוראים און דאָס אייביגע לעבען אונטער גאָט'ס אויג און דאָס שטענדיגע ריכטען זיך אויפ'ן טוידט און אויף משיח'ן און די אייביגע מחלוקת'ן און רעליגיעזע שפּאַל־טונגען און חרמות — וואָס פאַר פערפּלאָנטערט אייגענאַרטיגע ביל־דער און סצענעס און פּסיכאָלאָגישע מאָטיווען זיי וואָלטען געקענט ליפערען דעם דיכטער און ראָמאַניסט! וואָס פאַר מערקווירדיגע מענ־שען די אסיים, די פּרושים, די מקובלים, די שבתי צבי'ניקעס און די ערשטע חסידים זענען געווען! וועלכע סטאָאישע שטייפקייט און בוד־היסטישע פערטיעפטקייט, וועלכע שטיינערנע פעסטקייט און אונער־ביטליכע שטרענגקייט, וועלכע גליהענדע פאַנטאַזיעס און מיסטישע חלומות, וועלכע זאָנדערבאַרע אויסמישונג פון ערדישע ליידענשאַפט און הימלישעם בעגעהרען!

5) religious dimension of Jewish life

און זאָגאַר דאָס פּראָסטע אָרימע פאָלק, דאָס פאָלק פון ווייבער און בעל־מלאכות און הענדלער — צו איז דען זייער שאַפענדע קראַפט די גאַנצע צייט געשלאָפען? זענען דען די צאָהללאָזע פאָלקס־ליעדלעך, פרומע און וואָכעדיגע געשיכטען, רעטעניסען, סגולות און גלייכווערט־לעך ניט קיין רויהער גאָלד וואָס קען אין די הענט פון'ם מייסטער פערוואַנדעלט ווערען אין בלישצענדע קרוינען אויפ'ן קאָפּ פון'ם פאָלק, דעם אייביגען שעפּפער!

6) folklore

דאָס זענען אַלץ גייסטיגע רייכטהימער, אונערשעפּליך ווי דער ים אוקינוס, פון וועלכע מען וואָלט געקענט אויסשפּינען מיליאָנען ראָמאַנטישע פעדים, פון וועלכע מען וואָלט געקענט ארויסכישופ'ן א גאַנצע ראָמאַנטישע וואונדער־וועלט, ניט וועניגער הערליך און גע־היימניספאָל, ניט וועניגער עדעל און פאַנטאַסטיש, ניט וועניגער נשמה'דיג־הימליש און נעבעלהאַפט־ערדיש, ניט וועניגער בלענדענד און ווייך־שטראַהלענד, ניט וועניגער אימפּאָנירענד און ערהייבענד ווי די וועלט וואָס דער קריסטליכער ראָמאַנטיזמוס האָט אויפגעצויבערט. און ווי נײַ, ווי ריין־אידיש, ווי מערקווירדיג פערשיעדענ־אַרטיג וואָלט דיזע וועלט געווען מיט איהר זאָנדערבאַרער אויסמישונג פון מזרח און מערב, פון הייסע טראָפּען־לענדער און קאַלטען צפון, פון אַלטערטהום און נײַ־וועלט, פון איסלאַם און קריסטענטהום!



ו.

biblical romances

דער וועג צום אמת ראָמאַנטישען צויבער־לאַנד איז שוין אין דער העברייאישער און אידישער ליטעראַטורען מעהרערע מאָל בעטראָ־טען געוואָרען. איינינע דיכטער און נאָוועליסטען האָבען יענע וואונ־דערבאַרע כנען־לאַנד דערזעהען. נאָכגעפאָלגט האָבען זיי אָבער ניט פיעלע און די פיהרער זעלבסט האָבען אויך דאָס שעהנהייטס־לאַנד בלויז פון ווייטען בעוואונדערט. פון ווייטען נור האָבען זיי אויסגע־שטרעקט זייערע הענט און פון'ם לויכטענדען בארג איינינע שוואַכע פונקען געפאַנגען, — שוואַכע פונקען וואָס האָבען זיך אין קיין פלאַם ניט בעהעפט, קיין ליכט־טורעם פאַר די בלאָנזענדע ניט אָנגעצונדען.

historical potboilers

עס פעהלען אונז ניט קיין גדיכטע און ערצעהלונגען פון דער אידישער געשיכטע. מיר זענען אויך ניט אין גאַנצען אָהן בייספּיעלע פון א פאָלקסטהימליכער דיכטונג. ווי אָרעם איז אָבער דאָס געשאַפענע אין פערגלייך מיט דעם וואָס מען וואָלט געקענט שאַפען, ווי קאַלט און מאָגער און אויסערליך איז דער ראָמאַנטיזמוס וועלכען מיר האָבען אין פערגלייך מיט דעם וואָס מיר האָבען געקענט און גדאַרפט האָבען.

פיעלעס איז ביי אונז געשריעבען געוואָרען פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אינקוויזיציאָנען, שייטער־הויפענס און פון די פּסחים און סדרים אין הייהלען. געשריעבען איז דאָס אָבער מייסטענס שונדיש־סענטימענטאַל, אָהן היסטאָרישע אָריענטירונג, אָהן היגרייסונג, אָהן א מיטרייסענדער, פערשלינגענדער אטמאָספערע, אָהן דעם גרויסען שוואונג. די שריפטען זענען ראָמאַנטיש בלויז אין זייער ניט רעעליטעט, ראָמאַנטיש בלויז אין זייער פעראַכטונג צום קלאָהרען פערשטאַנד. זייער ראָמאַנטישער בליאַסק איז דער בליאַסק פון א פאַלשען דימענט.

פיעלעס איז ביי אונז פון ציון און שרון און לבנון־צעדערען גע־זונגען געוואָרען. עס איז אָבער א קאַלטער געזאַנג אָהן אמת'ע בע־גייסטערונג, א געזאַנג פון קאַלטער, פאַר די אויגען גליווערנדער רהע־טאָריקע, אָהן דער מעלאַנכאָליע פון לאַנג־פערשוואונדענע, פון אונ־טער די חורבות שיממערנדע וועלטען, אָהן די הערצענס־גרייפענדע בענקשאַפט פון א קראַנקהאַפטען טאַנטאַלוס־געמאַרטערטען דיכטער נאָך די פאַנטאַסטישע, ליכט בעקראַנצטע צויבער־וועלדער וואָס טויכען אויף פון'ם פערגאַנגענהייטס־ים און ווערען צוריק אין זיין דונקעלען אָפּגרונט צורונען.

מיכה יוסף לעבענזאָהן, פון די אַמאָליגע העברייאישע דיכטער, און אברהם מאַפּו, פון די אַמאָליגע העברייאישע ראָמאַניסטען, האָבען ארום זיך איינינע שוואַכע פונקען פון א אידישער ראָמאַנטיק גע־וואָרפען. זיי זענען אין'ם זאַמד בעגראָבען געוואָרען. האָט יהודה ליב

גאַרדאַן אַזאַ פונק געפונען, איז ער ביי איהם נאָך אַ בלייכען שיממער, פערלאָשען געוואָרען. שלום יעקב אבראמאָוויטש האָט אינ׳ם ים פון היינט־אידישער פאָלקס־לעהרע אינ׳ם ים פון ליטוויש־אידישע פאָלקס־לעגענדען, זאגען, מעשה׳לעך און גלויבונגען איינינע פערלען געפונען און מיט זיי זיין „הערשעלע״ בעציערט. אָבער „ר׳ מענדעלע׳ס״ קינדער און אייניקלעך האָבען זיין וועג ניט בעטראָטען. פרוג האָט איינינע מאָטיווען פון די אַלטע תלמודישע זאגען געבאָרגט. זיין לעגענדע וועגען אלכסנדר מוקדון און דער אייביג־גיעריגער מענשליכער אויג האָט שוין באַלד דעם ריכטיג ראָמאַנטישען טאָן, אָבער רהעטאָריש־קאַלט, אָהן דעם אַלט־קריגערישען פערזען־גאַלאָפּ קלינגט ראָזענפעלד׳ס „יהודית״, געקינצעלט און געשליפען איז זיין „שולמית״.

פיעל וואַרימער, פיעל מעהר ראָמאַנטיש איז דער הויך וואָס שוועבט איבער פרץ׳ס „מאניש״. פאָלקסטהימליך איז דער טאָן אין זיין „בשעת מגפה״ און אין „וואָס איז נשמה?״ און געהיימניספאָל און פאַנטאַסטיש זענען די קלאַנגען און פאַרבען אין זיינע חסידישע און קאבבאליסטישע ערצעהלונגען און מעשה׳לעך. אין ראָמאַנטישען פייער געטונקען זענען פיעלע סצענעס פון שלום אש׳ס „שבתי צבי״ און ראָמאַנטיש־שעהן און אין אַלט־וועלטליכע בענקשאַפט זענען יהואש׳ס ביבליש־תלמודישע ליעדער דורכגעווייקט. זיינע פּנקס־לעגענדען און בית־השמשות מערכען זשומען מיט׳ן גערויש פון אַלט־פּראַגישע בית־הקברות ווערבען.

---

ז.

און דאָך איז דאָס ביסעל עכט־ראָמאַנטישע אין אונזער ליטעראַטור נור צופעליג, נור אַ גליקליכע אויסנאַהמע. דאָס ביסעל עכט־ראָמאַנטישע איז אָנגעוועהט געוואָרען אויף אונזער ליטעראַטור מיט דעם האַלבען בעוואוסטזיין פון איהרע שעפּפער.

בעזונדערס נאַקעט און בלויז, בעזונדערס קאַלט און טרוקען איז אונזער אמעריקאַנישע פּראָזאַ־ליטעראַטור, אָהן אַ ראָמאַנטישען הויך, אָהן פאָלקסטהימליכע וואַרימקייט און פערגאַנגענהייטס־זאַפט. אונזער אמעריקאַנישע פּראָזאַ־ליטעראַטור איז אַזוי ווענינ אידיש, אַזוי פיעל רוססיפיצירט.

אום שעהן צו ווערען, אום אויפצוהייבען זיך העכער פון דער ערד, אום פאַנטאַסטישע רייכקייט צו בעקומען, אום טראַגיש גרויס צו ווערען, אום אַל־וועלט האָריזאָנטען צו שפרייטען, אום אייביגקייטס־וויספּערן צו פערנעהמען, אום מיט די פרישע טוי־טראָפּענס פון פאָלקס־גאַרטען צו פינקלען, מוז זיך אונזער ליטעראַטור אַ אידישען ראָמאַנטיזמוס בעשאַפען, און אַזוי ווי די אַלט־גריעכען האָבען זייער קארינטה



און די רענעסאַנס־איטאַליענער האָבען זייער ווענדיג פון די ים־כוואַליעס און דעם ים־שוים אויסגעטורעמט, אַזוי מוז זיך אונזער ליטעראַטור פון דעם ים פון אידישער פערגאַנגענהייט און אידישער פאָלקס־דיכטונג אַ ראָמאַנטישע צויבער־וועלט ערבויען.

אַ אידישער ראָמאַנטיזמוס דאַרף ווערען דער בעגייסטערונגס־קוואַל פון דער אידישער ליטעראַטור, איהר פלאַקערנדער וועג־ווייזער פון די שפּיצען בערג. אַ אידיש־ראָמאַנטישע ליטעראַטור דאַרף געשאַפען ווערען, דאַן וועט פון איהר אַריינרינען אַ ראָמאַנטישער אונטער־שטראָם זאָגאַר אין ניט־ראָמאַנטישע דיכטונגען. אין גאַנצען ראָמאַנטיש קען שוין איצט די אידישע ליטעראַטור אפילו ביי איהר בעסטען ווילען ניט ווערען, אָבער די ראָמאַנטישע השפעה וועט זיך זאָגאַר אין ניט־ראָמאַנטישע ווערק פיהלען. ווייטע, קוים־הערבאַרע ראָמאַנטישע קלאַנגען וועלען ווי גייסטער־גלעקעלעך שאַלען איבער דעם גאַנצען פעלד פון אידישע פּאָעזי און פּראָזאַ. דער וואַרימער אידיש־ראָמאַנטישער הויך וועט דעם פעלד בעטויען, אידיש־ראָמאַנטישע פעדים וועלען מיט זייערע נעבעלדיגע פאַרבען שימירירען צווישען די קווייטען און בוימער. זאָגאַר אין די ניט־ראָמאַנטישע דיכטונגען וועלען די קלאַנגען זאַנפט שוועבען אין די שילדערונגען, אין די בילדער, אין די צוגלייכעניסען, אין די ווייטע אָנצוהערעניסען, אין די אונבעשטימטע עראינערונגען, אין די דורכבליצענדע געדאַנקען־שפּריצען. די ראָמאַנטישע צויבער־פעדים וועלען זיך צושפּינען צווישען די שורות, שלענגלען אין די הינטער־געדאַנקען פון די ווערטער, זיך פלעכטען און אויסוועבען אַ זילבער־גרויע נעץ אין דער „אַטמאָספערע״. דער אַלט־אידישער, פאָלקסטהימליך־טראַדיציאָנעלער טאָן דאַרף זיך פערבאָרגענערהייט דורכשיפּען אין יעדען קונסטווערק וואָס ווערט אין אידיש פאַר אידען געשריבען, די אַלטע קאָליאַרלעך דאַרפען פינקלען אין די געשטאַלטען, צואווינקען פון די בוי־ליניען, דער ליעבער אַלטער מורמעל דאַרף זומען צווישען די געשפּרעכען, דאַרף שטיל וויספּערען אין די מעלאָדיען, אַזוי ווי דער בלעטער־גערויש פון אַ בעסעדקע פון פערליעבטע פּאָכט זיך שטיל דורך צווישען די צערטליכע ליעבעס־קלאַנגען.

דיעזע וואונדערבאַרע, דין־געשפּונענע נעץ פון שטילע ראָמאַנטיש־אידישע קלאַנגען, פון העל־נעבעלדיגע אידיש־ראָמאַנטישע פעדים און בלומען־דופטען פון׳ם פאָלק׳ס גאָרטען וועט אַזוי ווי אַ צויבער־בריק הענגען איבער׳ן תהום צווישען דער אידישער פערגאַנגענהייט און דער אידישער געגענוואַרט, זיך פלעכטען איבערן אָפּגרונט וואָס טהיילט אָפּ דעם מאָדערנעם אידישען דיכטער פון׳ם פאָלקס־מענשען

און עבר און עתיד, אינטעליגענץ און תמימות מיט איין קרייז פערציהען.

דאס לעזענדע פאלק וואלט זאגאר די שוועבענדע קלאנגען פערנומען, עס וואלט זאגאר די קוים־פינקעלנדע פעדים דערקענט. דער ווארימער אלט־היימישער הויך וואלט די קלאנגען צו זיין אויער, די פעדים צו זיין אויג, מקרב געווען. אהן זיין וויסען וואלטען זיי זיך אנגעקניפט אן די סטרונעס פון זיין הארצען און ארויסגעשלאגען פון זיי אקקארדען פון מיט־געפיהל. אונזער ליטעראטור וואלט דאן גערעדט צו זיין הארצען און וואלט געווארען זיינע.

*   *

*

א אידישער ראמאנטיזמוס וועט די אידישע ליטעראטור אנטרינקען מיט הימלישען טוי און זי בעגיסען מיט קריסטאל־קלארע טייכען. ער וועט אין איהר ארייןלאזען א שפריץ־רעגען פון גן־עדן פארבען און איבער איהר אויסשפרייטען א חופה פון צויבערהאפטע נעבעל־מיראזשען. ער וועט איהרע ווארצלען איינפלאנצען אין דער פעסטער ערד און איהרע שפיצען מיט הימעל־מיסטעריען און אייביגקייטס־פאנטאסטיק בעגולדען. ער וועט איהר ווארעם אומהויכען מיט פאלקסטהימליכע נאאיווקייט און מיט טראגישע ווירדע און אל־וועלט־ערנסט בעקרוינען. ער וועט איהר מיט א געזונט־קרעפטיגען לעבענס־זאפט אנטרינקען און מיט דעם הערליכען בלומען־רייך פון פאעזי אומוועבען.

א אידישער ראמאנטיזמוס וועט די אידישע ליטעראטור איגענארטיג מאכען, צוריק צום אור־קוואל בריינגען. דאן וועט זיי ווערען דער היילונגס ברוננען פון׳ם מיעדען איבערזעטיגטען אינטעליגענט און די ליעבע אלטע, מיט מאך בעוואקסענע קרעניצע פון׳ם פשוטען דארפס־מענשען.



י. אדלער:

# רחל׳ע

זי איז געווען א כלה שוין,
א צארטע קינד און וואונדערשעהן,
געהאט האט זי א גאלדען־הארץ,
און א צווילינג לאנגע צעפ —
ווי די ראבען־פליגעל שווארץ...

*  *  *

און יעדען טאג, ווען ס׳האט די זון
דאס אויג פון רחל׳ען ענטציקט,
האט רחל׳ע —
איהר באלד א ברכה אפגעשיקט...

*  *  *

און רחל׳ע, זי האט געליעבט —
געליעבט, געליעבט, און לאנג געווארט....
עס האט די צייט איהר אפגענארט....
און רחל׳ע געווארען איז בעטריעבט.
בעטריעבט.... פערבענקט....
און שטארק געקרענקט,
ביז רחל׳ע —
האט איהר לעצטע, לעצטע בענקשאפט
אויסגעבענקט....

*  *  *

געשטארבען איז זי, רחל׳ע;
ווען דער ערשטער שפראץ אויף טאג
האט קוים בעריהרט די שפיצען בערג;
און ס׳האט דער ערשטער מזרח־שטראהל
געוועקט פון שלאף דאס לאנד —
און ס׳האט דער מארגען ערשט געהעפט
זיין רויטען פורפור־באנד....
און די, וואס האט ביים טויטען־בעט
געוואכט, האט שטיל ארויסגערעדט:
„רחל׳ע —
„ווי שעהן עס קומט דער טאג היינט אן,
„ווי שעהן עס פלאטערט אויף זיין פאהן!
„און רחל׳ע —